# משיחות ט״ו בשבט תשל״ז

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים גו'.

ב. כאמור לעיל (בהמאמר) אז אע"פ אז ארויסגייענדיק פון מצרים זיינען שוין אידן געשטאנען אין א דרגא נעליה, ביז וואנעט אז נאך זייענדיק אין מצרים איז שוין געווען דער ענין פון "נגלה עליהם ממ"ה הקב"ה בכבודו ובעצמו וגאלם",

עאכו"כ נאך יצי"מ, בשעה מ'איז געקומען צו קי"ס, וואס דעמולט איז דאך געווען "ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים" (פרש"י בשלח טו, ב), ביז וואנעט אז ס'איז געווען אין אן אופן וואס מ'האט געזאגט "זה א-לי ואנוהו" (בשלה שם) - "היו מראין אותו באצבע" (פרש"י) -

אעפ"כ, זיינען זיי דעמולט אויסגעקומען מיט לחם מן הארץ, ווארום ביז חמשה עשר באייר איז נאך אלץ געווען לחם מן הארץ (פרש"י בשלח טז, א)

אע"פ אז די גמ' (קידושין לח, א) זאגט אז "טעמו טעם מן" אויך אין די עוגות שהוציאו ממצרים - איז דאך דאס אבער מערניט ווי א טעם וכו', אבער דער לחם עצמו איז געווען לחם מן הארץ, וועלכער איז ארויסגעוואקסן און אנגעקומען דורך די יגיעה וטרחא פון עבודת האדם, און דערפון איז געווארן דער דם ובשר כבשרם, וואס דורך דערויף איז געווען דער חיבור הנשמה מיטן גוף און חיי הגוף כפשוטו -

און דאס האט זיי געבראכט צו די דרגא נעלית וואס איז געווען אין דעם טאג פון "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" (בשלח טז, ד), כאמור לעיל (בהמאמר) אז דאס איז געווען א דרגא נעלית ביותר, וכמובן אויך פון פשטות הכתובים - פון די נסים וואס מ'האט זיי באוויזן אין דעם וכו', מיט נאך כמה פרטים המבוארים אין מדרשי חז"ל.

ג. וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז אע"פ אז ווען זיי האבן געגעסן לחם מן הארץ זיינען זיי אויך געווען בדרגא נעלית, אעפ"כ, בשעה ס'איז געווען דער חידוש פון "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", זיינען זיי געקומען צו א דרגא נעלית יותר.

ביז ווי ס'שטייט אין פ' עקב (ח, ג) "ויאכילך את המן אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך" - דורך אכילת המן זיינען זיי געווארן העכער (ניט נאר לגבי מעמדם ומצבם הקודם, נאר) אין אן אופן פון "אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך" - העכער פון די ידיעה וואס איז געווען ביי די אבות כביכול.

און ער זאגט אויף דערויף "ויאכילך את המן" - וואס דאס נעמט אראפ די קושיא היתכן אז מ'זאל זאגן אז דורך אכילת המן זיינען אידן צוגעקומען צו א דרגא וואס "לא ידעת ולא ידעון אבותיך", העכער פון די אבות, לכאו' וויבאלד אז "האבות הן הן המרכבה" (ב"ר פמ"ז, ו), איז ווי קען מען זאגן אז א איד, ביז צו א פשוט שבפשוטים פון שבט דן (ראה שמו"ר פ"מ, ד. פירש"י ויקהל לה, לד), און נאך פאר מ"ח, איז ער געשטעלט געווארן אין א דרגא וואס "לא ידעת ולא ידעון אבותיך"?

איז דער פסוק אליין מסביר דורך דעם וואס ער זאגט "ויאכילך את המן" - דאס וואס מ'איז געקומען צו די דרגא וואס "לא ידעת ולא ידעון אבותיך", איז דאס געווען בכח פון דעם וואס האט זיי געמאכט עסן - ויאכילך - דעם מן.

בדוגמא ווי מ'זאגט בנוגע צו לחם מן הארץ אז "עובד אדמתו ישבע לחם" (משלי יב, יא), ד.ה. אז ס'הייבט אן און דאס איז לויט זיין עבודה;

- עד"ז -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 488 הודפס ע"י או

עד"ז די פעולה פון לחם מן השמים, היינגט אפ אין דעם וואס גיט דעם להם מן השמים, וואס "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" - איז וויבאלד אז דאס היינגט אפ אין דעם נותן המן, דערפאר זיינען אידן צוגעקומען דורך אכילת המן צו א דרגא וואס "לא ידעת ולא ידעון אבותיך".

ד. דער ענין המן איז פארשטאנדיק דערפון וואס מ'זאגט אז דער מן איז געווען בזכות משה (תענית ט, א), וואס דער ענין פון משה איז דאך געווען "ונחנו מה" (בשלח טז, ז. וראה הו"א בשלח סו, א) - ער איז ניט געווען קיין מציאות פאר זיך, מערניט ווי משרת ה׳, ווי ס'שטייט (בהעלותך יב, ז) "עבדי משה".

אוצר החכמהאון בעבודתו בעולם איז דאס ארויסגעקומען אין דעם ענין פון תורה, ווי ס'שטייט (מלאכי ג, כב) "זכרו תורת משה עבדי", "שמסר נפשו עלי׳" (תנחומא שופטים ה).

וואס דערפאר איז פונקט אזוי ווי אידן האבן באקומען דעם מן בזכות משה, איז עד"ז אויך בנוגע צו תורה, אז אידן האבן באקומען די תורה דורך משה, ווי ס'שטייט (ברכה לג, ד) "תורה צוה לנו משה", און "משה קבל תורה מסיני" (אבות רפ"א), און דערנאך האט ער דאס איבערגעגעבן צו די מקבלים עד סוף כל הדורות, ביז אז אפי׳ "מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה בסיני" (נסמן בלקו"ש ח"ד ע׳ 1088 הע׳ 11).

און וויבאלד אז דאס וואס דער תלמיד ותיק עתיד לחדש האט דאס בעלערנט משה - האט ער זיך אריינגעגעבן אין די תורה, "אנא נפשי כתבית יהבית" (שבת קה, א), וואס דערפאר בשעת דער תלמיד ותיק איז מחדש מה שניתן למשה מסיני, שטייט ביי אים בגלוי דער ענין פון משה, וויבאלד אז ער זאגט דעם ענין בתורה לאמיתתו, אין אן אופן פון "דן דין אמת לאמיתתו" (שבת י, א).

וואס דערפאר געפינט מען דאך אין גמ׳ (חולין צג, א רש"י ד"ה משה) אז בשעת א חכם לערנט תורה ווי ס'דארף צו זיין, זאגט מען אויף אים "משה שפיר קאמרת" - מ'רופט אים בשם משה (ווי דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ בכ"מ, בפרט אין די דרושים פון מ"ת (תו"א סח, ג)), אע"פ אז ס'איז דאך א בפירוש'ער דין אין שו"ע (יו"ד סרמ"ב) אז ח"ו צו זאגן אויף איינעם אז ער איז אזוי ווי משה.

וכאמור לעיל אז "כל מה שהלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני", ד.ה. אז ביים תלמיד ותיק זיינען דא ביידע הפכים: ביי אים שטייט דער ענין פון משה בגלוי, וויבאלד אז דאס איז ניתן למשה מסיני; אבער לאידך, דעם חידוש האט מחדש געווען דער תלמיד ותיק.

ד.ה. אז דער חידוש וואס דער תלמיד ותיק איז מחדש אין סוף כל הדורות, ווען "אכשור דרא בתמי׳" - ווערט אין דערויף נתגלה דאס וואס ניתן למשה מסיני, וואס ביז דעמולט איז דאס געשטאנען בהעלם, וואס דערפאר זאגט מען אז דער תלמיד ותיק האט דאס מחדש געווען.

- אויב ס'וואלט געווען אין אן אופן פון "שכחום וחזרו ויסדום" ווי ס'שטייט בנוגע צו מנצפ"ך וכיו"ב (שבת קד, א), איז דאס ניט קיין ענין של חידוש, ואדרבה: דאס קומט אלס א תירוץ אויף דעם וואס די גמ׳ (שם) פרעגט, ווי קען מען זאגן אז "מנצפ"ך צופים אמרום", מ'זאגט דאך אז "אין הנביא רשאי לחדש דבר"? און אויף דערויף ענטפערט די גמ׳ אז "שכחום וחזרו ויסדום", וואס דערפאר איז דאס ניט קיין ענין של חידוש;

איז וויבאלד אז בנוגע צום תלמיד ותיק זאגט מען "כל מה שתלמיד

- ותיק -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 489 הודפס ע"י אוצ

ותיק עתיד לחדש", איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז (ניט אין אן אופן פון "שכחום וחזרו ויסדום", נאר דאס איז) אן ענין של חידוש, ווארום אע"פ אז ס'איז שוין ניתן למשה בסיני, איז דאס אבער געשטאנען אין אן אופן של העלם (ניט אז ס'איז פריער געווען בגילוי, און דערנאך שכחום), און ס'איז ערשט נתגלה געווארן דורך דעם תלמיד ותיק, וואס דערפאר זאגט מען אז ער האט דאס מחדש געווען (ובידוע די ביאורים בזה, אז פריער איז דאס געווען א פרט פון א כלל, ווי דער ביאור בזה זאל נאר זיין, וואס אין כאן המקום להאריך בזה).

און אויף דערויף זאגט מען "אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבין של חבירו" (ב"מ לח, א), ווייבאלד אז ער האט דאס מחדש געווען, הייסט דאס "קב שלו".

וואס אע"פ אז מ'זאגט "אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, ואם הראשונים כבני אדם אנו וכו'" (נסמן בלקו"ש וישלח ש.ז. הע' 14), ועד"ז איז די גמ' (עירובין נג, א) מפליא די ירידה בהבנת התורה פון איצטער לגבי ווי דאס איז געווען בדורות הראשונים, אז "ואנן כי אצבעתא בקירא", מיט אלע משלים ודוגמאות וואס די גמ' זאגט אויף דערויף - אעפ"כ זאגט מען אז "אדם רוצה בקב שלו".

וואס דאס איז א דבר טבעי אז "רוצה בקב שלו", און תורה פסק'נט און בויט דינים אויף דערויף - איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז ניט קיין ענין וואס מ'דארף דערמיט מלחמה האבן, ווייל ס'איז א דבר בלתי רצוי, ווארום לכאו', ווייבאלד אז ער קען האבן תשעה קבין, איז פארוואס זאל ער זיך באגנוגענען מיט קב אחד - ס'רעדט זיך דאך וועגן דברים טובים, ובפשטות, בשעת ער וועט האבן תשעה קבין, וועט ער קענען געבן אויף צדקה (מעשר אדער חומש) מערער וויפל ער וועט קענען געבן בשעת ער וועט האבן מערניט ווי איין קב, איז פארוואס זאל ער זיך באגנוגענען מיט א קב אחד?

זאגט אבער די גמ' אז דאס איז א טבע וואס דער אויבערשטער האט באשאפן (אז אע"פ אז דאס איז מערניט ווי איין קב, ווייבאלד אבער אז דאס איז "שלו", וויל ער דאס בעסער פון תשעה קבין של חבירו), איז אע"פ אז ער האט דאס ניט משנה געווען, קען ער אויך זיין אן עובד ה' בשלימות.

ה. ווייבאלד אז "התורה היא נצחית" (תניא רפי"ד), איז פארשטאנדיק אז ס'דארף זיין א הוראה פון דעם ענין הנ"ל:

בשעת ס'רעדט זיך וועגן אן ענין של פרנסה, האט ער לכאו' א ראי' מוכחת אז זיין פרנסה קומט פון "מלאכתך אשר תעשה", ווארום זיין שותף אין דעם זעלבן געשעפט איז (להבדיל) א גוי, און זיי טיילן זיך אין די רווחים אין אן אופן פון "חלק כחלק יאכלו" - איז ווייבאלד אז בנוגע צום גוי איז דאך ניט שייך צו זאגן אז דאס איז אן ענין וואס נעמט זיך פון קדושה בתכלית העילוי, איז לכאו' דער שכל הישר מחייב ומוכיח אז זיין חלק איז אויך פארבונדן מיט מעשה ידי אדם.

ער טוט דאס טאקע ע"פ שו"ע; פריער גייט ער אין ביהכנ"ס און דאוונט בציבור, און דערנאך גייט ער מביהכנ"ס לביהמ"ד, און ער לערנט די שיעורים אין תורה אין וועלכע ס'זיינען מחוייב אויך אידן וואס עבודתם איז אין דעם קו פון זבולון, און ערשט דערנאך איז "הנהג בהם מנהג דרך ארץ" - אבער דעמולט גייט דאס שוין ע"ד הטבע, ער איז טאקע א מאמין בן מאמין אז יש בעה"ב לבירה זו, אבער דער אויבערשטער האט דאך געוואלט אז ס'זאל זיין ע"פ טבע, און "אין סומכין על הנס" (פסחים סד, ב), במילא גייט זיך דאס ע"ד הטבע -

- אויף -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 490 הודפס ע"י א

אויף דערויף איז כען מסביר א אידן, אז ער זאל וויסן אז זיין פרנסה איז פארבונדן מיט לחם מן השמים, וכידוע דער ווארט פון דעם רבי'ן מהר"ש אז דער ענין פון פרנסה בזמן הזה איז בדוגמת המן, וואס דאס איז דער אויפטו בנוגע צו זמן הזה, אז מצד צוק העתים, איז לייכטער צו דערקענען אז דאס איז בדוגמת המן (אז דאס איז ניט מצד דרכי הטבע), משא"כ אבער בדורות שלפנ"ז, איז אע"פ אז ס'איז אויך געווען בדוגמת ענין המן, איז אבער געווען שווערער צו דערקענען דעם ענין, ווארום מ'איז געווען אן בלבולים, נאר "איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו" (מ"א ה, ה).

ו. עפי"ז וועט מען פארשטיין פארוואס דער סדר פון ברכת המזון איז, אז פריער מאכט מען ברכת הזן, וואס "משה תקן לישראל ברכת הזן בשעה שירד להם מן" (ברכות מח, ב), און ערשט דערנאך מאכט מען ברכת הארץ, וואס "יהושע תקן להם ברכת הארץ כיון שנכנסו לארץ" (שם), וואס ברכת הזן האט משה געזאגט אויף לחם מן השמים, און ברכת הארץ האט יהושע געזאגט ווען מ'איז געקומען אין ארץ נושבת, וואס דעמולט איז געווען דער "ארץ דמפקא מזון" (שם מט, א).

וואס לבאו' איז ניט פארשטאנדיק: ברכת המזון איז דאך מן התורה (ברכות כא, א), און דער ענין פון ברכת המזון איז דאך, אז וויבאלד ער האט הנאה געהאט פון עוה"ז, דארף ער דאנקען דעם אויבערשטן אויף דערויף, איז דאך איבגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס פאר א שייכות האט דאס צו ברכת הזן - דארפן רעדט זיך דאך וועגן דעם מן?

וואס דעם מן האט מען דאך געגעסן "ארבעים שנה עד בואם אל ארץ נושבת" (בשלח טז, לה), און ווי רש"י איז מסביר אז נאך זייענדיק אין מדבר "קודם שעברו את הירדן . . בז' באדר פסק המן מלירד, ונסתפקו ממן שלקטו בו ביום עד שהקריבו העומר בששה עשר בניסן, שנאמר (יהושע ה, יא) ויאכלו מעבוד הארץ ממחרת הפסח", און מער איז ניט געווען דער ענין פון מן -

און אעפ"כ, בשעת ער דארף מודה זיין להקב"ה אויף דעם וואס ער האט געגעסן, וזהו דאס איז דאך דער ענין פון ברכת המזון - הויבט ער ניט אן פון "על הארץ ועל המזון" - ארץ דמפקא מזון (וואס דאס איז דאך דער לחם וואס ער עסט, לחם מן הארץ), און דערנאך דערמאנט ער אויך א נס וואס איז געווען זועך אידן זיינען געווען אין מדבר, וואס דאס איז דער ענין פון ברכת הזן (בנ"ל אז דאס האט משה רבינו מתקן געווען בשעה שירד להם המן) - נאר דער סדר איז להיפך; די ערשטע ברכה איז ברכת הזן (וואס דאס האט משה רבינו געזאגט אויף לחם מן השמים), און ערשט דערנאך קומט די ברכה פון "על הארץ ועל המזון" (וואס דאס איז פארבונדן מיט לחם מן הארץ, ארץ דמפקת מזון, כנ"ל אז דאס האט יהושע מתקן געווען כשנכנסו לארץ).

איז דאך איינער פון די ביאורים בזה, כאמור לעיל (ס"ה) אז דער כללות הענין פון פרנסה וכו' איז בדוגמת ענין המן, וואס דאס איז לחם מן השמים, דער חילוק איז מערניט אין דעם, אז בשעת מ'איז אריין אין ארץ נושבת, האט זיך דאס אנגעטאן אין א לבוש אז מ'זאל ניט זעהן אז דאס איז דער ענין פון מן, נאר ס'זאל זיין פארבונדן מיט "תנא סידורא דפת נקט" (שבת עד, ב), די מלאכות פון החורש והזורע וכו', אבער אין דערויף איז באהאלטן דער ענין פון מן.

איז וויבאלד אז תורה ווערט אנגערופן "תורת אמת" - זי נעמט יעדער ענין ווי ער איז באמת לאמיתתו, דערפאר איז צום אלעם ערשטן דארף ער בענטשן אויפן עיקר, וואס דאס איז דער ענין פון מן, לחם מן השמים; און ערשט דערנאך (וויבאלד אז מ'געפינט זיך אין א מעמד ומצב פון "ארץ נושבת",

- וואס -



הנחת הח' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 491 הודפס ע"י או

וואס דארפן דארף דאס האבן אויף זיך א לבוש פון דרכי הטבע, ואדרבה, אין סוביין על הנס, איז נאך דערויף וואס ער בענטשט דעם אויבערשטן פאר דעם עיקר - דער ענין הכן) בענטשט ער דעם אויבערשטן אויך אויף דעם וואס ער האט אים געגעבן דעם לבוש פון דרכי הטבע צו באקומען דעם כזון.

וואס דערפאר איז דער סדר פון ברכת הכזון, פריער ברכת הזן, וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם מן וואס ער איז להם מן השמים, וואס דאס איז עיקר הענין פון דעם מזון,- אז דאס ווערט נמשך באופן ניסי, בדוגמת ענין המן; און ערשט דערנאך קומט די ברכה פון "על הארץ ועל המזון" - ארץ דבפקא מזון, וואס דאס איז דער לבוש פון דרכי הטבע (להם מן הארץ), דער עיקר איז אבער דער ענין פון מן, לחם מן השמים, נאר אויף דעם עיקר טוט מען אן א לבוש פון דרכי הטבע.

ז. וואס דאס איז דאך ניט קיין ענין של דרוש בעלמא, נאר דאס איז א בפירוש'ער פסוק:

ס'שטייט אין פסוק (משלי י, כב) אז "ברכת ה' היא העשיר", איז אה"נ אז די גמ' (נדה ע, ב) זאגט "מה יעשה האדם ויהעשר - ירבה בסחורה" (אויב ער וויל האבן מערער ווי דרך הטבע, דארף זיין ירבה בסחורה) - דארף ער אבער וויסן אז מקרא מלא דבר הכתוב "ברכת ה' היא תעשיר", אפי' ווען ס'איז "ירבה בסחורה", דארף ער אבער וויסן אז "ברכת ה' היא תעשיר".

וואס דאס איז דאך פארשטאנדיק בפשטות, ווארום אז מ'וועט פרעגן ביי א בעל שכל וואס איז דער עיקר אין דער עשירות, צי דאס וואס ער האט דארפן ברכת ה', אדער דאס וואס ער איז מרבה בסחורה - איז אויב ער איז נאר א מאמין אז ס'איז דא דער ענין פון "ברכת ה'", וועט ביי אים ניט זיין קיין ספק אז דער עיקר איז "ברכת ה'", און דאס וואס ער איז זיך עוסק אין די סחורה, איז דאס אן ענין של טפל, דערפאר וואס דער אויבערשטער האט געוואלט (מאיזה סיבה שתהי', ובפרט ע"פ המבואר אין קונטרס ומעין (מאמר כ"ה)) אז ס'זאל זיין "ירבה בסחורה" (ניט סתם עוסק זיין בסחורה, נאר) אין אן אופן של ריבוי, וויבאלד אז "ברכת ה'" קומט אראפ אויך באופן של ריבוי.

ובאופן כזה שטעלט זיך דאס אויס אויך אין ברכת המזון:

דער סדר הברכה איז, ניט אז פריער בענטשט מען אויף דעם לבוש, און דערנאך בענטשט מען אויף דעם עיקר (דאס איז היפך הסדר), נאר דער סדר איז, אז פריער בענטשט מען אויף דעם עיקר, וואס דאס איז ברכת הזן, וואס די איז פארבונדן מיטן מן - לחם מן השמים; און דערנאך בענטשט מען אויף דעם ענין הטפל - דער לבוש בדרך הטבע וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן.

ח. און דער ענין פון ברכת המזון איז א חיוב וואס איז דא ניט נאר בזמן שביהמ"ק הי' קיים, וואס דעמולט איז געווען "איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו", און בשעת מ'איז געקומען אין ביהמ"ק אין די ג' רגלים האט מען געזעהן אלקות בגילוי, "כשם שבא לראות כך בא ליראות" (ריש חגיגה), און דערנאך האט מען מיטגענומען דעם רושם (ובלשון הידוע - די איבער-לעבונג) פון דעם רגל, ביז צום צווייטן מאל פון עלי' לרגל, ווי דער אלטער רבי איז מבאר בארוכה אין לקו"ת ס"פ ברכה (צח, ב) -

נאר דער ענין פון ברכת המזון איז אפי' בזמן הגלות, ווארום דאס איז ניט קיין ענין וואס איז תלוי בזמן שביהמ"ק הי' קיים וכו', נאר בכל זמן ובכל מקום איז דא דער חיוב מן התורה אויף דעם ענין פון ברכה המזון, און מיט דעם סדר דוקא, אז פריער מאכט מען ברכת הזן, וואס דאס איז

- פארבונדן -





הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 492 הודפס ע"י או

פארבונדן מיטן מן וואס ער איז דער לחם מן השמים, און דערנאך קומט די ברכה פון "על הארץ ועל המזון", וואס דאס איז פארבונדן מיט לחם מן הארץ - ארץ דמפקא מזון, כנ"ל אז דער עיקר איז דער ענין פון לחם מן השמים, און דער לבוש פון דרך הטבע (לחם מן הארץ) איז מערניט ווי א טפל.

וכידוע מנהג ישראל, אז איידער א קינד קען בענטשן ברכת המזון בשלימותה, ער קען אבער בענטשן א טייל דערפון, איז דער מנהג בכמה קהילות אז מ'בענטשט מיט אים מערניט ווי די ברכה ראשונה - ברכת הזן.

וואס לכאו' קען דאך דער קינד פרעגן, פארוואס שטייט דאס בלשון נסתר, און פארוואס ווערט דא ניט דערמאנט דער ענין פון ארץ דמפקא מזון, ס'שטייט נאר אז דער אויבערשטער איז "זן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים" - ער ווייסט דאך אז מ'האט געאקערט די פעלד וכו', און דורך דעם האט מען באקומען דעם לחם, איז פארוואס דערמאנט מען ניט דעם ענין פון ארץ דמפקא מזון?

זעט מען דאך אבער אז דער מנהג איז אז מ'בענטשט מיט אים מערניט ווי די ברכה ראשונה, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז וויבאלד ער פארשטייט שוין פי' המילות, און וויבאלד אז הגיע לחינוך בנוגע צו ברכת המזון (אע"פ אז ער איז נאך כו"כ שנים קודם בר מצוה) - פארשטייט ער בשכלו אז עיקר הענין איז דער לחם מן השמים, וואס דערפאר מאכט ער ברכת הזן, און דערמאנט איינגאנצן ניט דעם ענין פון ארץ דמפקא מזון.

ועאכו"כ בשעת אז ס'רעדט זיך וועגן א גדול בדעת - איז בשעת ער גיט זיך א כאפ אז לכאו' געפינט מען זיך דאך אין א חושך כפול ומכופל, וכמדובר לעיל (ס"ה) אז ער האט א שותפות מיט א ניט איד, און בשעת ער פארדינט געלט איז זיין געשעפט, גייט אוועק האלב דערפון צום ניט איד (להבדיל) - פארשטייט ער אבער אז בנוגע צו זיין האלב איז "ברכת ה' היא תעשיר", און דער עיקר איז דער ענין פון "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", ס'איז מערניט וואס דאס האט זיך אנגעטאן אין א לבוש פון ארץ דמפקא מזון.

און דאס וואס דער גוי באקומט - קען זיין אין דערויף כמה ביאורים, און דער ערשטער הסבר אויף דעם איז, אז כדי דער איד זאל קענען האבן זיין טייל, צוליב דערויף גיט מען אויך צום גוי.

און ווי דער רמב"ם איז מאריך אין די הקדמה צו פיהמ"ש (ד"ה דע) - וואס דאס איז אויך אויך דער ביאור אין דעם מארז"ל (סנהדרין לז, א) "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם" - אז כדי איין חכם זאל האבן זיין הצטרכות בשלימות, איז שוין דא א וועלט ארום אים כדי ער זאל ניט זיין בבדידות, און כדי ער זאל האבן צרכיו בנוגע צו מזון און לבושים און ביה, כמבואר דארטן בארוכה.

ט. וואס דאס גיט אויך די שטארקייט און א עידוד ובטחון, אז בשעת מ'גיט זיך א כאפ אז "אתם המעט מכל העמים" (ואתחנן ז, ז), ועד"ז איז אויך ביי אידן גופא, אז די וואס זיינען שוין שומרי תומ"צ בשלימותם, זיינען לע"ע נאך ניט דער רוב (ווארום אויב ס'וואלט געווען דער רוב, וואלט שוין משיח געקומען, ווייל "העולם נידון אחר רובו" (קידושין מ,ב)) -

ווערט לכאו' א שאלה ווי אזוי וועט מען ארויסקריכן פון דעם חושך כפול ומכופל, בשעת מ'זעט אז ס'איז גאר "אכשור דרא בתמי'", וואס אין דורות הראשונים איז אויך געווען א מצב של גלות, דערנאך אין דורות האחרונים איז געווארן דער גלות שווערער, און דערנאך אין די דורות פון אחרוני האחרונים איז דער גלות געווארן נאך שווערער, מיטן גאנצן סדר ההשתלשלות והירידה מדרגא אל דרגא, ווי די גמ' רעכנט אויס אין דעם סיום

- פון -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 493 הודפס ע"י או

פון בבבת בוסה - ווערט א שאלה ווי אזוי ווערט מען ארויסקריגן פון דעם חושך כפול וכפופל?

איז בשעה מ'גיט זיך אבער א כאפ אז דער לחם אשר הוא אוכל (דאס וואס ער האט געגעסן היינט ביי'טאג) איז דאס אן ענין פון "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", ס'איז מערניט וואס וויבאלד אז מ'קוקט כיס עיני בשר זעט מען דעם לבוש, ביז צו א לבוש ע"ג לבוש, און מצד דעם חושך כפול ומכופל זיינען צוגעקומען נאך לבושים - ער איז זיך אבער מתבונן אז אין די אלע לבושים געפינט זיך א דבר פנימי, וואס דער דבר פנימי איז דאך "ברכת ה'".

איז בשעה אז ער איז זיך מתבונן אז ס'איז דא די לבושים, און ס'איז דא דער אדם המלובש אין די לבושים - פארשטייט מען דאך בשכל הפשוט, אז וויפל לבושים ס'זאל נאר זיין, איז וויבאלד אז דאס איז מערניט ווי א לבוש צום אדם המלובש אין די לבושים, איז בשעתא חדא וברגעא חדא קען זיך איבערקערן די גאנצע זאך;

אז דער אדם וואס איז מלובש אין די לבושים זאל נתגלה ווערן בכל תוקף ועוז שלו, וואס דאס איז דאך דער ענין וואס "אתם קרויים אדם" (יבמות סא, א) - "ע"ש אדמה לעליון" (של"ה חלק תושב"כ סוף הדרוש צאן יוסף) - ווערט נתגלה דער "אדמה לעליון", וואס דאס איז דער "חלק אלקה ממעל ממש" וואס איז דא בכאו"א מישראל, ווי דער אלטער רבי איז מבאר באריכה אין תניא (פ"ב) -

וואס דעמולט ווערט דאך "כהמס דונג גו'" (תהלים סח, ג) - אז ס'ווערן בטל די אלע ענינים המסתירים ומנגדים, ביז וואנעט אז ס'ווערט דער ענין פון "ולא יכנף עוד מוריך" (ישעי' ל, כ), דורך דעריוף וואס די פנימיות פון א אידן שטייט בגלוי - וואס די פנימיות פון א אידן איז דאך (ווי דער רמב"ם פסק'נט אין הל' גירושין ספ"ב) אז ער וויל מקיים זיין רצון ה', אפי' ווען דאס איז אין אן אופן אז כדי צו ארויסרופן דאס בגילוי, האט מען געדארפט אנקומען צו דעם ענין פון כופין אותו, דורך אריכות הגלות און דער חושך כפול ומכופל, אבער סוכ"ס זאגט ער "רוצה אני", און דעמולט ווערט דאס "לרצוננו", אז דאס איז זיין רצון האמיתי.

און בשעת אז די פנימיות פון א אידן שטייט בגלוי, ווערט נמשך אין אן אופן פון מדה כנגד מדה - אז ס'ווערט דער ענין פון "ולא יכנף עוד מוריך", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

*

י. האמור לעיל קומט אויך בהמשך דערצו וואס חמשה עשר בשבט איז ר"ה לאילנות, ביז וואנעט אז ס'איז דא דער מנהג בכמה קהילות פון ספרדים, ובפרט אין אה"ק, אז מ'זאגט א "תיקון" - א גאנצער סדר פון אמירת פסוקים ומזמורים און תפלות וואס מ'זאגט בחמשה עשר בשבט, מצד דעריוף וואס דאס איז ר"ה לאילנות.

עאכו"כ אז דערנאך קומט דאס אראפ אין א מנהג במעשה בפועל בכל קהילות ישראל, אז דאס איז א טאג וואס דעמולט עסט מען פירות שנשתבחה בהם א"י.

וואס דאס רעדט זיך אפי' ווען א אידן וואס געפינט זיך בקצווי תבל אין חו"ל, און אעפ"כ איז מנהג ישראל תורה הוא אז ער עסט פירות גשמיים, און מ'איז מהדר אז זיי זאלן זיין פירות שנשתבחה בהם א"י, וואס די איז דאך "ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה" (עקב יא, יב),

- איז -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 494 הודפס ע"י או

# משיחות ש״פ בראשית תשל״ג

עוסק בפרנסתו, איז דאס אין אן אופן פון "יגיע כפיך כי תאכל" (תהלים קכח,ב), אז בלויז די כפיים זייבען פארנומען מיט עסק, אבער מוחו ולבו זיינען ארייננעטאן בלימוד התורה וכו׳,

אונ פון שבת איז מען דאס דערנאך ממשיך אין מוצאי שבת, און דאס אידאין אן אופן פון "אל תירא עבדי יעקב", כידוע אז מוצ"ש איז פארבונדן מיטן ענין פון "אל תירא עבדי יעקב" (ישעי׳ מד,ב),– אע"פ אז בנוגע לפועל איז אונזער מנהג אז מ׳זאגט דאס ניט, אז אידן שרעקן זיך ניט פאר קיין זאך, נאר מ׳לערנט תורה און מ׳איז מקיים מצות מתוך מנוחה, און אין אן אופן פון הולך ומוסיף ואור,

און דאס ווערט געטאן בשמחה וטוב לבב, ווארום בשבת איז דאך אין עצב בה, דארף מען זיין בשמחה, ובפרט אז דאס איז א יאר פון שמטה –א יאר פון "שבת לה׳", דאדף דער גאנצער יאר זיין א שבת שמחה,

ביז מ׳וועט קומען צו די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמאלט וועט מען זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון שמטה כפשוטו – בארץ ישראל, ווארום אלע אידן וועלן גיין צוזאמען אין ארץ ישראל, און בשעת ס׳איז כל יושבי׳ עלי׳ איז מובין שמיטין ויובלין מדאורייתא לכל הדעות, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

ג. דאס וואס מען האט פריער גערעדט אז בשבת שטייט א איד איבאבצן העכער פון וועלט, וואס דערפאר טאר מען ניט טאן קיין מלאכה – האט א שייכות צו דעם וואס מ׳האט גערעדט אין דעם פריערדיקן פארברייינגען (יום שמחת תורה) אז בנוגע צו הוצאת שבת זאגט דער אויבערשטער צו אידן "לוו עלי כו׳ ואני פורע" (ביצה טו,ב), וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, אז בשעת עס קומט צו שבת שטייט א איד למעלה מטבע העולם לגמרי, עד כדי כך אז אפילו אויב ער האט ניט קיין געלט, באכמער: ער האט ניט אפילו קיין עסקדורך וועלכע ער זאל קענען פארדינען געלט ווי גערעדט פריער בארוכה, פונדעסטוועגן לייט ער געלט אויף הוצאת שבת, און דער אויבערשטער אליין צאלט דאס אפ – "ואני פורע",

וואס דאס איז נאך א גרעסערער אופטו ווי ביי שמטה, וואו דארטן זאגט מען אויך עד"ז, ווי עס שטייט (בהר כה,כ) "וצויתי את ברכתי לשלש השנים וגו׳", אז דער אויבערשטער גיט א איד זיין ברכה און עס וואקסט אוים תבואה "לשלש השנים" – אויף דריי יאר, וואס דאס איז אויך למעלה מדרך הטבע, אבער דער איד דארף עפעס טאן דערצו; ער מוז עכ"פ זייען אין פעלד, נאר דער אופטו איז, אז אין אדא זריעה פון וועלכע עס וואקסט אוים תבואה ביי א גוי אויף איין יאר, וואקסט אוים ביי א אידן אויף דריי יאר,

וואס דאס גופא איז אויך ניט אזא פלא, ווארום אידן זייבען שוין איינגעוואוינט דערצו; מ׳געפינט עס שוין ביי יצחק׳ן, ווי עס שטייט (תולדות כו,יב) "ויזרע יצחק גו׳ וימצא גו׳ מאה שערים גו׳", אז אין דעם וואס יצחק האט איינגעזייט, איז געווען "ויברכהו ה׳" (שם), און ס׳איז אויסגעוואקסן (ניט דריי מאל אזוי פיל – אזוי ווי ביי שמטה, נאר) מאה פעמים ככה, הונדערט מאל אזוי פיל, וואס דאס איז געווען אפילו בשנה קשה ובארץ קשה (רש"י שם) ועאכו"כ בתנאים הרגילים,







הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 106 הודפס ע"י או

און וויבאלד אז ביי יצחק איז דאס געווען באופן כזה, איז דאך פארשטאנדיק אזוי דארף דאס זיין ביי אלע אידן, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תנ"א (וארא נה,א) אז די אלע ענינים וועלכע די אבות האבן געהאט, זייבען זיי פאראן בירושה ביי אלע אידן, וואס דערפאר ווערן זיי - אברהם יצחק ויעקב - אנגערופן בשם "אבות" - ווייל זיי האבן מוריש געווען זייערע ענינים צו אלע אידן - ע"ד ווי אן אב איז מוריש עניניו לבנו, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אויך בנוגע די הנהגה פון "וימצא מאה שערים", אז וויבאלד ביי יצחק איז אזוי געווען, דארף אזוי זיין ביי אלע אידן, במילא, איז גאר ניט אדא פלא אז עס זאל זיין "וצויתי את ברכתי גו׳ ועשה את התבואה לשלש שנים",

נאר ביי סמטה איז דער אופטן אז יעדער איד, קיין חילוק ביט אין וואס פאר א מעמד ומצב ער שטייט, איז ער בטוח אז ער וועט האבן דעם אויבערשטנ׳ס ברכה - "וצויתי את ברכתי", במילא איז ער מקיים די מצוה פון שמטה ניט טראכטנדיק "מה נאכל גו׳" (בהר שם), ביז אז די ברכה קומט אראפ בגלוי ובפועל - אז ער האט תבואה לשלש שנים,

אבער לאחרי כל זה, דארף ער ארבעטן אויף דעם; ער דארף חורש זיין די קרקע, און דערנאך זייען וכו׳, און דוקא דעמאלט וועט די תבואה אויסוואקסן, מסא"כ בנוגע צו הוצאת שבת זאגט מען "לוו עלי כו׳ ואני פורע", אז ער דארף גארניט טאן דערצו, ער דארף בלויז לייען געלט, און דער אויבערשטער צאלט דאס אפ; ס׳איז ניט דער פירוש אז די הלואה איז אן ארבעט, נאר ס׳איז בלויז "מלוה להוצאה ניתנה" (קידושין מז,א).

האט מען מעורר געווען אין דעם אז דער אלטער רבי זאגט בשו"ע שלו (סי׳ רמ"ב ס"ג), [מיוסד אויפן תוס׳ (ביצה טו,ב, ד"ה לוו) וועלכע פארענטפערט די סתירה צווישן די צוויי מאמרי חז"ל בזה], אז וועו זאגט מען "לוו עלי כו׳ ואני פורע" - דוקא בשעת ער האט מיט וואס אפצוצאלן דער הלואה, ווי ער זאגט דארטן דעם לשון אז ער האט חפצים אויף פאר משכון׳ען, אויב אבער ער האט ניט חפצים למשכנם ולפרוע בהם, זאגט דער אלטער רבי בפירוש "לא ילוה", נאר דאס גייט ארייך אין דעם דין פון "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" (שבת קיח,א),

זעט מען דאך אז דער ענין פון "לוו עלי ואני פורע" איז דוקא בשעת דער לוה האט מיט וואס אפצוצאלן די הלואה, הייבט ווי האט מען גערעדט (בהתוועדות הקודמה) אז דאס באווייזט אויף א הנהגה למעלה מן הטבע - אז אפילו בשעת א איד האט ניט קיין געלט, און ער האט אפילו ניט קיין עסק דורך וועלכע ער זאל קענען פארדינען געלט, פונדעסטוועגן, בשעת עס קומט צו הוצאת שבת, זאגט מען "לוו עלי ואני פורע", אז ער זאל לייען געלט און דער אויבערשטער אליין וועט דאס אפצאלן - בשעת דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע אז דאס איז דוקא אויב ער האט חפצים למשכנם ולפרוע בהם, מכא"כ אויב ער האט ניט קיין חפצים צו געבן אלס א משכון, זאגט מען נים אז ער זאל לייען געלט און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט שוין אפצאלן - "לוו עלי ואני פורע", נאר "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות"?

נאר דא זעט מען ווי דורך א דיוק אין דעם אלטן רבי׳נס לשון



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 107 הודפס ע"י א

גיט אראפ די שאלה, און דערפון האט מען אויך ארויס א הוראה בפלאה בנוגע צו מדת הבטחון - אין וואס פאר אן אופן דאס דארף זיין, וואס דאס איז אן אנדער ענין - וכפי שיתבאר לקמן,

ובידוע דער גודל הדיוק פון דעם אלטן רבי'נס סו"ע - אויף וויפל דער אלטער רבי האט מדייק געווען אין יעדערווארט, ביז ווי מ'זאגט אז דער דיוק ביי דעם אלטן רבי'ן איז ע"ד ווי דער דיוק אין רמב"ם, ביז אז פון יעדער ווארט קאן מען אפלערנען א הלכה, ובהוספה ובהפלאה - אז דער רמב"ם שרייבט ניט די טעמי ההלכות, בלויז פסקי דינים; דאס איז דער סדר פון רמב"ם אין משנה תורה אז ער ברייגנט אראפ נאר די פסקי הלכות - אן די טעמים, אחוץ אין געציילטע ערטער וואו דער רמב"ם ברייגנט אראפ אויך א טעם אויפן הלכה, אבער דאס איז פאראן בלויז במיעוט מקומות, ובמיעוטא דמיעוטא, במילא, וויבאלד דער רמב"ם ברייגנט אראפ בלויז פסקי הלכות, איז דאס ניט אזא אופטן אז יעדער ענין איז בדיוק,

משא"כ אין דעם אלטן רבי'נס סו"ע - ברייגנט ער אראפ ניט בלויז דער פסק הלכה, נאר אויך דעם טעם אויפן הלכה, ווי ער זאגט אין דער הקדמה צו סו"ע אז דער אלטער רבי האט צוגעלייגט די טעמי הלכות, [ביז ווי אין סו"ע ב"י, וואס דארטן ברייגט ער בלויז פסקי דינים, ובנוגע די טעמים פארלאזט ער זיך אויף זיין ספר ב"י - דער פירוש אויפן טור, נאר דער אלטער רבי בסו"ע שלו שרייבט אויך די טעמים של ההלכות], ואפילו הכי - איז מדויק יעדער ווארט,

זעט מען דאס אויך אין דעם ענין, אז דורך א דיוק אין א ווארט, נעמט אראפ דער אלטער רבי די שאלה, און דאס איז, וואס דער אלטער רבי זאגט דא אז ער דארף האבן חפצים אויף פאר'משכנ'ען, און ער דערמאנט גארניט וועגן דעם ענין פון עסק - צי דער מענטש האט אן עסק אדער ניט,

וואס דער מקור אויפן גאנצן ענין איז אין תוס' (הנ"ל): תוס' זאגט אז ווען זאגט מען "לוו עלי ואני פורע", דוקא בשעת דער מענטש האט משכונות לפרוע בהם דער הלואה, וואס דערמיט פארענטפערט מען די סתירה בזה, וואס אמאל זאגט מען "לוו עלי ואני פורע", און אמאל זאגט מען "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" - אז אויב ער האט משכונות לפרוע בהם, זאגט מען לוו עלי ואני פורע, משא"כ אויב ער האט ניט משכונות לפרוע בהם, דעמאלט איז דער דין "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות",

זאגן אנדערע אחרונים (ראה ערוך השולחן ס' רמ"ב סעי' מ"ד) דער פירוש בדברי התוס' אז דאס מיינט אז דער מענטש האט אן עסק, נאר ער ווייס ניט - בדרך הטבע - צי ער וועט פארדינען געלט דערפון, זאגט מען עס אז ער קען לייען געלט אויף מוצאת שבת, און דער אויבערשטער איז עס מבטיח אז ער וועט פארדינען געלט בעסקו אויף אפצאלן די הלואה,

אבער דער אלטער רבי זאגט ניט אזוי, דער אלטער רבי איז מדייק אז אויב ער האט חפצים למשכנם - זאגט מען עם לוו עלי ואני פורע, ובלשון התוס' - משכונות, און ער דערמאנט בכלל ניט דעם ענין פון עסק,

וואס איז די נפק"מ? איז דער חילוק: אויב דער מענטש האט ניט



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 108 הודפס ע"י א

קיין עסק דורך וועלכע ער קען פארדינען געלט; לויט די אחרונים וואס זאגן – בפירוש דברי התוס' – אז דער דין פון לוו עלי ואני פורע איז תלוי צי דער מענטש האט אן עסק – איז פארשטאנדיק אז אויב ער האט נים קיין עסק, טאר ער נים לייען קיין געלט אויף הוצאת שבת און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט דאס אפצאלן, אפילו אויב ער האט חפצים למשכנם – ווארום ער האט נים קיין וועג ווי צו פארדינען געלט,

מסא"כ לויטן אלטן רבי'ן שמדייק בלשון התוס', וס"ל אז דער דין פון לוו עלי ואני פורע איז תלוי צי דער מענטש האט חפצים אויף פאר'משכון'ען – איז פארשטאנדיק אז אפילו אויב ער האט נים קיין עסק, ד.ה. אז ער זעט נים קיין וועג דורך וועלכע ער וועט קענען פארדינען געלט און אפצאלן די הלואה – איז דאס נים נוגע, און אויב נאר ער האט חפצים למשכנם, קען ער גיין לייען געלט ווארום דער אויבערשטער וועט אפצאלן,

זעט מען דאך אז ס'איז נים נאר וואס ס'איז ניטא קיין סאלה פון דעם אלטן רבי'נס טו"ע, נאר דערפון גופא איז מוכרח צו זאגן אזוי כנ"ל – אז פון דעם וואס דער אלטער רבי רעדט בלויז וועגן "חפצים למשכנם", און ער דערמאנט נים בכלל דעם ענין פון עסק – איז מוכרח אז אפילו אויב איינער זעט נים קיין וועג דורך וועלכע ער וועט קענען אפצאלן דער הלואה,

– ווארום דאס וואס ער האט חפצים צו געבן אלס א משכון – איז דאך נים דער פסט אז דערמים צאלט ער אפ זיין חוב, נאר ס'איז בלויז אז ער איז בטוח אז ער וועט קענען אפצאלן דער הלואה – ומטו"ז בים ער א משכון, אבער דערווייליע זעם ער טאקע נים קיין וועג ווי אזוי דאס וועט זיין –

פונדעסטוועגן, זאגט דער אויבערשטער "לוו עלי ואני פורע", אז ער קען גיין לייען געלט אויף הוצאת שבת, און דער אויבערשטער אליין וועט דאס אפצאלן, וואס דאס באווייזט דאך אויף א הנהגה למעלה מדרך הטבע, כמדובר לעיל בארוכה.

פארוואס טאקע לערנט דער אלטער רבי אזוי? איז דער הכרח על זה פון דעם ענין גופא: די גמרא'ס לשון איז "לוו עלי ואני פורע", אז דער אויבערשטער וועט אפצאלן, איז לויט ווי די אנדערע אחרונים לערנען אז דער מענטש האט אן עסק, נאר ער ווייס נים צי ער וועט פארדינען געלט דערפון, און דער אופטו איז אז ער וועט פארדינען געלט בעסקו אויף אפצאלן דער הלואה – הייסט עס נים "ואני פורע", אז דער אויבערשטער צאלט אפ דער הלואה; ער האט פארדינט געלט אין זיין עסק – האט ער אליין אפגעצאלט זיין חוב, איז דאס בים דער ענין פון "ואני פורע", דאס הייסט נים אז דער אויבערשטער האט אפגעצאלט,

דערפאר לערנט דער אלטער רבי אז דער מענטש האט טאקע נים קיין עסק, אז ער האט נים קיין וועג דורך וועלכע צו פארדינען געלט, במילא אז ער וועט לייען געלט וועט ער נים קענען אפצאלן מצד עצמו, און אעפ"כ זאגט מען אז ער קען גיין לייען געלט אויף הוצאת שבת, ווארום דער אויבערשטער וועט אפצאלן – לוו עלי ואני פורע.

ודוקא עפי"ז איז פארשטאנדיק המסך הסוגיא בגמרא (ביצה שם), נאך דעם וואס די גמרא רעדט וועגן דעם ענין פון לוו עלי ואני



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 109 הודפס ע"י א

פורע, זאגט די גמרא (טז,א) - בהמשך לזה - אז "כל מזונותיו של אדם קצובות לו מר"ה ועד יוה"כ חוץ מהוצאת שבתות וכו' והוצאת בנין לת"ת כו' ואם הוסיף מוסיפין תנ", אז פון ר"ה איז שוין אפגעפסק'נט וויפל א מענטש וועט פארדינען במשך פון יאר, וואס מצד דערויף טאר ער ניט אויסגעבן צו פיל געלט אויף איין ענין, ווארום דעמאלט וועט ביי עס פעלן אויף א צווייטן ענין, חוץ פאר דעם וואס דער מענטש גיט ארויס [לחינוך בנים - הוצאת בנין לת"ה, און] אויף הוצאת שבת, אסר בזה דארף ער ניט מורא האבן אויף צו ארויס געבן צו פיל, ווארום "ואם הוסיף מוסיפין לו",

וואס דער ענין רעדט דאך זיכער בשעת דער מענטש האט ביט קיין וועג ווי צו פארדינען געלט, ווי די גמ' זאגט בפירוש ס'איז שוין קצוב לו מר"ה וויפל געלט ער וועט פארדינען, און מער דערפון וועט ער ניט באקומען, און פונדעסטוועגן, בשעת עס קומט צו הוצאת שבת - זאגט מען עס אז ער קען מוסיף זיין אין דעם און ניט מורא האבן אז עי"ד וועט ביי עס פעלן אין אן אנדער ענין, ווארום "ואם הוסיף מוסיפין לו" - וועט עס דער אויבערשטער געבן באך,

און מ'קענט זאגן אז דער פירוש פון "מוסיפין לו" איז - אז ער וועט פארדינען געלט בעסקו, ווארום ווי איז למשל אז אימיצער האט ניט קיין עסק, ער האט אבער געלט במזומן, איז דאך א זיכערע זאך אז אויך אויף עם זאגט די גמרא אז ער קען מוסיף זיין בהוצאת שבת און ניט מורא האבן אז דערנאך וועט ביי עם פעלן געלט על שאר ענינים -ווארום עס וועט דאך זיין "מוסיפין לו", אע"פ אז ער האט ניט קיין עסק,

זעט מען דאך אז דער פירוש הגמרא "שאם מוסיף מוסיפין לו" איז אפילו אויב ער האט ניט קיין וועג צו פארדינען געלט,

און וויבאלד מ'זעט אז דער ענין פון "ואם הוסיף מוסיפין לו" איז ניט געבונדן מיט אן עסק דוקא, ד.ה. אז ס'איז ניט נוגע בזה צי דער מענטש האט אן עסק צי ניט, איז דאך מסתבר צו זאגן אז דאס וואס די גמרא רעדט פריער וועגן לוו עלי ואני פורע - רעדט זיך אויך עד"ז, אז אפילו אויב דער מענטש האט ניט קיין עסק ד.ה. אז ער האט ניט קיין וועג דורך וועלכע ער קען פארדינען געלט, פונדעסטוועגן, אויב נאר ער האט חפצים למשכנם, קען ער לייען געלט אויף הוצאת שבת, און דער אויבערשטער וועט אפצאלן די הלואה - לוו עלי ואני פורע,

ד.ה. אז לויט די אחרונים וועלבע זיינען ניט מדייק בלשון התוס', איז ניט אזוי גלאטיק, המשך הסוגיא בגמרא שם, ווארום לפי שיטתם רעדט די גמרא וועגן צוויי באזונדערע זאכן, משא"כ לויטן דיוק פון דעם אלטן רבי'ן בשו"ע כלו, איז פארשטאנדיק ביותר דער המשך הסוגיא, ווארום לויטן אלטן רבי'ן רעדט די גאנצע גמרא וועגן דעם זעלבן ענין,

און דא קומט אויך צו א הוראה נפלאה אין דעם ענין פון מדת הבטחון, אז מדת הבטחון דארף זיין בלויז בנוגע צו זיך, ד.ה. אז בלויז בנוגע זיינע ענינים דארף ער זיך פארלאזן איינגאנצן אויפן אויבערשטן, אבער בנוגע צו א צווייטן - דארפסטו מאכן זיכער אז יענער זאל ניט פארלירן קיין געלט, אט דאס זאגט דער



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 110 הודפס ע"י א

אוצר החכמה

אלטער רבי: ווען זאגט מען "לוו עלי ואני פורע" - דוקא בשעת דו
האסט תפצים למשכנם, ד.ה. אז אויב דו קענסט געבן א משכון, און
דיין באוואָרענבט אז יענער וועט זיכער ניט פארלירן קיין געלט -
אט דעמאלט קענסטו גיין לייען פון עם אויף הוצאת שבת און פארלאזן
זיך אז דער אויבערשטער וועט אפצאלן - ואני פורע, אויב אבער דו
קענסט ניט געבן קיין משכון, ד.ה. אז מצדך ביסטו ניט באוואָרענבט
אז יענער וועט ניט פארלירן קיין געלט, נאר דו ווילסט זיך
פארלאזן אויפן אויבערשטן - איז אָס
דעמאלט זאגט מען ניט "לוו עלי כו'" נאר "עשה שבתך חול כו'",
ס'איז בעסער אז דיין שבת זאל זיין "חול", אבי עס זאל ניט זיין
קיין חשש - מצדך - אז יענער זאל פארלירן געלט,

ווילסט געבן צדקה אן עני און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער
וועט דיר צאלן אויף צוריק - זייער א גלייבע זאך; אזוי דארף
דאך זיין, מ'דארף האבן בטחון אין דעם אויבערשטן, בד"א - בשעת
דו האסט אייגענע געלט, אבער גיין לייען געלט אויף געבן צדקה,
און האבן בטחון אין דעם אויבערשטן אז ביי דער מלוה וועט ניט
פעלן די געלט - זאת לא, [און ווי ער זאגט אין ספר חסידים
(סי' תנ"ד) אז מ'זאל ניט מרבה זיין בצדקות בשעת מ'קומט אנדערע
מענטשן געלט - אינו ברור],

ולכאורה: דאס רעדט זיך וועגן מצות צדקה - א מצוה גדולה
ביותר, ביז מ'זאגט אז דער וואס קען געבן צדקה און ער גיט ניט,
איז דאס דער היפך פון "והחיית אותו" (ראה תנחומא משפטים פט"ו),
איז בשעת א מענטש האט א מעגליכקייט צו געבן צדקה, נאר ער האט
ניט קיין געלט, פארוואס זאל ער ניט לייען געלט אויף דעם?
ס'איז דאך "מלוה ה' חונן דל" (משלי יט,יז), תורה אליין זאגט אז
דער וואס איז חונן דל איז ער כמלוה לה', איז א זיכערע זאך -
בלי שום ספק - אז דער אויבערשטער וועט עס צאלן אויף צוריק, איז
וואס איז דא וואס צו מורא האבן? זאל ער גיין לייען פון א
צווייטן כדי לקיים מצות צדקה, און מ'קען זיך פארלאזן אויפן
אויבערשטן אז ביי דער מלוה וועט ניט פעלן די געלט?

זאגט דער אלטער רבי ניין! אט די אלע חשבונות זייבען
געזאגט געווארן בנוגע צו זיך, אז בשעת דו האסט געלט, דארפסטו
ניט מאכן קיינע חשבונות, נאר געבן אויף צדקה - און האבן בטחון
גמור אין דעם אויבערשטן אז עס וועט ביי דיר גארניט פעלן ע"ד,
משא"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן א צווייטן, ד.ה. לייען געלט פון
א צווייטן און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט עם שוין
אפצאלן - ניט דאס איז דער עניין פון מדת הבטחון; יענער דארף
ניט ליידן, מ'טאר ניט פראווען בטחון אין דעם אויבערשטן אויפן
חשבון פון א צווייטן!

ועד"ז בנוגע צו צדקה רוחנית, ד.ה. עבודה מיט א צווייטן
אידן: בשעת מ'מאנט פון א איד ער זאל מקיים זיין מצות צדקה
ברוחניות, גיין טאן מיט א צווייטן אידן אויף ברייבגן עם נעבטער
צו אידישקייט וכו', קען ער דאך טענה'ן נאך וואס דארף ער זיך
פארנעמען מיט אנדערע אידן - ס'איז דאך אין לנו להשען אלא על
אבינו שבשמים, מ'דארף זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן; אידן
זייבען דעם אויבערשטנ'ס קינדער - וועט ער זיי זיכער באוואָרענען
מיט אלע עניינים, צי דען דארף ער פארן און עוסק זיין אין הפצה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 111 הודפס ע"י א

התורה והיהדות, פארן צו א איד׳ן בקבוי תבל, און דערנאך פארן אהער און פארן אהין, און אויסגעריסן ווערן, ס׳איז בעסער אז ער זאל זיצן במקומו, לערנען תורה, מקיים זיין מצות בהידור, און עובד זיין עבודתו בתפלה, און זיכער וועט ער א קרעכץ טאן אויף דעם וואס א צווייטער איד האלט ניט ביי זיין דרגא, אבער מ׳ען עפעס דערצו.- דער אויבערשטער איז דאך א כל יכול; מ׳דארף האבן בטחון אז דער אויבערשטער וועט געבן אידן אלע עניינים וועלכע זיי דארפן האבן; ובפרט אז מ׳זאגט דאך כי לא ידח ממנו נדח - איז א זיכערע זאך אז צום סוף וועלן אלע אידן זיין ווי עס דארף צו זיין,

זאגט מען גיין! ניט דאס איז דער סדר! בטחון איז איין זאך, אבער בשעת עס קומט צו א צווייטן איד׳ן, ליגט אויף דיר א חיוב געבן עס אלע עניינים וועלכע ער דארף האבן - "די מחסורו אשר יחסר לו" (ראה טו,ח).

ובכללות איז דאס די זעלבע טענות וועלכע טורנוסרופוס הרשע האט גע׳טענה׳ט צו ר"ע (ב"ב י,א): "אם אלקיכם אוהב עניים הוא מפני מה אינו מפרנסם", אז אויב דער אויבערשטער וויל אז אויך דער וואס איז אן עני (ברוחניות) זאל האבן כל צרכו - זאל ער עס אליין געבן? נאך וואס דארף מען האבן אז ער זאל פארן אלס א שליח צו יענעם און "אנטלייען" עם עניינים פון תורה ומצות, וואס דערצו קומט נאך אויס אז מ׳שטעלט יענעם אריין אין א מצב פון "עבד לוה לאיש מלוה" (משלי כב,ז), ס׳איז בעסער אז דער אויבערשטער אליין זאל עם געבן די עניינים וועלכע ער דארף?

און ער האט נאך א ביאור עפ"י חסידות אויך: דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק (סי׳ כ"ה) אז עס קענט זיין אז צוליב זיין בחירה זאל פעלן ביי א צווייטן, באר דאס וואס עס פעלט ביי עם, איז דאס דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט, [וואס דערמיט איז ער מבאר דעם מאמר (ראה זח"א כז,ב. רמב"ם הל׳ דיעות פ"ב ה"ג) "כל הכועס כאילו עובד עבז"ס", ווארום וויבאלד ער איז "כועס", איז א סימן אז ער האלט אז דער אויבערשטער פירט ניט די וועלט, וואלט ער געגלויבט אז דער אויבערשטער האט געפירט דערצו - וואלט ער ניט געווען אין כעס], במילא - קען ער דאך מאכן א חשבון: ממ"נ: דארף דאס יענער האבן - וועט ער דאס סיי ווי האבן, ווארום עס קאן דאך ניט זיין אז ביי א צווייטן זאל עפעס פעלן צוליב זיין בחירה (ברע), און אויב ער דארף דאס ניט האבן - וועט ניט העלפן אז דאס וואס דו וועסט עס געבן; אזוי קומט דאך אויס לויטן אלטן רבי׳נס ביאור, און דאס איז א ביאור וואס לייגט זיך בשכל נאך דעם וואס מ׳טוט דורך דעם אגה"ק,

איז אויף דערויף זאגט מען: דער אגה"ק איז געשריבן געווארן כדי עס זאל ניט זיין דער ענין פון "כועס", און מ׳זאל ניט מהרעס זיין וכו׳, אבער בנוגע לפועל - דארפסטו געבן יענעם דאס וואס ער דארף, און מתדל זיין העלפן עם כו׳,

ווי מ׳דארף דאך האבן בטחון אין דעם אויבערשטן, איז דאס אלץ פיין און ריכטיק, בטחון איז א גרויסע זאך, און דאס איז איינע פון די עיקרי האמונה וכו׳, אבער בנוגע לפועל, בשעת עס רעדט זיך וועגן א צווייטן איד׳ן, ליגט אויף דיר א חיוב מקיים זיין מצות צדקה ברוחניות, במילא דארפסטו פארן צו עם, און אפגעבן זיך אויף ברייינגען עם נענטער צו תורה ומצות.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 112 הודפס ע"י או

ובשעת דר ווערסט טאן אזוי, איז אט דעמאלט זאגט מען (תנחומא שם) אז "נפשו של עני היתה מפרכסת לצאת כו' והחיית אותו", אז דו האסט מחי'געווען נפש העני, אע"פ אז דער ענין פון מחי' זיין איז איינע פון די מפתחות וועלכע מ'גיט ניט איבער צו א שליח (ראה תענית ב,א), פונדעסטוועגן גיט מען דיר אפ דעם זכות אויף מחי' זיין נפש העני.

וכאן המקום אויף אראפברייגגן א ביאור פון דעם מגיד אין דעם ענין פון לוו עלי ואני פורע: אין אור תורה להה"מ (בסופו [בהוצאת קה"ת ע' קיד,ב]) איז פאראן א ביאור אויף דער גמרא פון לוו עלי ואני פורע – על פי הלצה [און דאס וואס ער זאגט ע"פ הלצה, מיינט עס ניט סתם אן ענין של ליצונות ח"ו, נאר ע"ד ווי דער מיטעלער רבי שרייבט "וי"ל ע"ד הלצה"], וואס פון דארטן קומט אויך אויס – ווי גערעדט פריער – אז דא רעדט זיך אז דער מענטש האט ניט קיין עסק, אז ער האט ניט קיין וועג דורך וועלכע ער זאל קענען פאר-דינען געלט,

וואס ער פרעגט דארטן די שאלה: למה המדה כך – אז דער עני דארף פריער לייען געלט פון א צווייטן, און דערנאך וועט עס דער אויבערשטער אפצאלן – עס האט געדארפט זיין אז דער אויבערשטער זאל מאכן א נס אז דער עני זאל באקומען געלט אויף הוצאת שבת – וועט ער ניט דארפן גיין לייען? ד.ה. אז בשעת א עני דארף האבן געלט, קען ער דאס באקומען אויף צוויי אופנים, אדער ער זאל גיין לייען געלט פון א צווייטן, און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט אפצאלן די הלואה; דערנאך איז פאראן א צווייטע אופן – אז דער אויבערשטער זאל עם צושטעלען די געלט לכתחלה – ע"י נס, איז פארוואס איז דער סדר באופן כזה – אז דער מענטש דארף פריער לייען געלט, און דערנאך לאחרי ההלואה – וועט עס דער אויבערשטער אפצאלן, עס האט געדארפט זיין דער סדר אז דער אויבערשטער זאל מאכן א נס און צושטעלען דעם עני געלט אויף הוצאת שבת – ולא יצטרך ללות, ע"ד ווי די גמרא (תענית כה,א) זאגט מן שמים "מיהב יהבי" – וואס דעמאלט קען מען געבן אן א שיעור?

איז ער מבאר בזה אז ניט אלעמאל וויל מען הנאה האבן ממעשה נסים, כמו שמצינו אצל כמה תנאים ואמוראים – אז זיי האבן ניט געוואלט נהנה זיין ממעשה נסים, במילא – קען דאך ניט זיין אז דער אויבערשטער זאל מאכן א נס און צושטעלן עם די געלט, ווארום עס קען דאך זיין אז דער מענטש וועט ניט וועלען הנאה האבן דערפון – מצד דערויף וואס דאס איז מעשה נסים,

דערפאר איז דער ענין אויסגעשטעלט באופן כזה, אז דער מענטש זאל פריער לייען געלט אויף הוצאת שבת, און דערנאך וועט עס דער אויבערשטער אפצאלן די הלואה, וואס דעמאלט גייט דאס ניט אריין אין דעם גדר פון נהנה זיין ממעשה נסים, ווי די גמרא זאגט אין נדרים (לג,א), אז "המודר הנאה מחברו פורע חובו", אז בשעת איינער האט מודר הנאה געווען מחברו, מעג ער – פונדעסטוועגן – אפצאלן זיינע הובות, ווארום פריעת חוב הייסט ניט קיין הנאה, במילא אפי' אויב דערנאך איז דער אויבערשטער פורע הובו, הייסט עס ניט אז ער האט הנאה געהאט ממעשה נסים.

עס איז פאראן אבער נאך א דין (שם), אז אויב דער מלוה זאגט נאך דעם לוה אויף צוריק קריגען די געלט, איז אט דעמאלט סאר מען





הנחת הת' בלתי מוגה

טאקע ניט פורע זיין דעם חוב, וואָרום ע"י הפרעון באַפרייט מען עם דערפון וואָס דער מלוה יאָגט עם נאָך - וואָס דאָס איז שוין יע אַ ענין של הנאה, במילא - בלייבט דאָך די שאלה: עס קאָן דאָך אַמאָל זיין אַז דער מלוה זאָל נאָכיאָגן דעם לוה אויף צוריק קריגען זיין געלט, איז אויב דער אויבערשטער וועט אָפּצאָלן דער הלואה, הייסט עס אַז דער ענין האָט הנאה געהאַט מטעטה נסים?

איז אויף דערויף זאָגט ער - און ווייזט אויס אַז דאָס איז די בדיחותא שבדבר, אַז בשעת מ'רעדט וועגן אַזאַ ענין וואָס האָט ניט קיין זאַך ניט, ביז אַז ער האָט ניט קיין געלט אויף הוצאות שבת, איז בשעת דער מלוה לייעט עם געלט, מסתמא לייעט ער עם לכתחלה על מנת שלא לתובעו, במילא איז ניטאָ וואָס צו מורא האָבן אַז דער מלוה וועט עם נאָך יאָגן.

דאָס וואָס מ'האָט פריער גערעדט אין דעם ענין פון "לוו עלי ואני פורע" - אַז דאָס איז דוקא בשעת ער האָט חפצים למשכנם, איז דאָס אַלץ בנוגע צו יענעם, אַז מ'דאַרף טאַקע זיין פאַרזיכערט אַז יענער וועט ניט פאַרלירן קיין געלט, אָבער בנוגע צו זיך - איז אַפילו אויב ער װעט ניט קיין וועג ווי אַזוי ער וועט קענען אָפּצאָלן די הלואה, כנ"ל אַז דער מענטש האָט אפילו ניט קיין עסק דורך וועלכע ער זאָל קענען פאַרדינען געלט, פונדעסטוועגן, זאָגט מען עם לוו עלי ואני פורע, אַז ער קאָן לייען געלט וואָרום עס איז אַ זיכערע זאַך אַז דער אויבערשטער וועט אָפּצאָלן, וואָס דאָס באַווייזט אויף אַ הנהגה למעלה מדרך הטבע,

וואָס דאָס האָט אַ שייכות צו דעם וואָס מ'האָט גערעדט אין די התוועדות פון י"ג תשרי וועגן דעם וואָרט פון דעם רבין מהר"ש - אַז די וועלט זאָגט אַז אויב מ'קען ניט אַרונטער דאַרף מען אַריבער און איך זאָג - ד.ה. אַ נשיא בישראל, און ער האָט דאָס געזאָגט וויסנדיק אַז מ'וועט דאָס דערנאָך מפרסם זיין לכל אחד ואחד, און ווי עס איז טאַקע מפורסם בעוואָרן צו אַלע אידן דורך אַ נשיא בישראל - אַז מ'דאַרף לכתחלה אַריבער, ד.ה. אַז אידן דאַרפן טאָן זייער עבודה אין אַן אופן פון גיין לכתחלה אַריבער.

און וויבאַלד אַז דאָס האָט געמאָנט אַ נשיא בישראל, און ער האָט דאָס געמאָנט ניט נאָר פון די אידן שבדורו, נאָר מ'האָט דאָס אויך איבערגעגעבן און מפרסם געווען צו אַלע אידן בדורנו - דורך אַ נשיא בישראל, איז אַ זיכערע זאַך אַז מ'האָט כוחות אויף דעם, ד.ה. אַז וויבאַלד מ'פאַרלאַנגט אַזאַ עבודה - האָט מען געגעבן כוחות דורכפירען דאָס בפועל, אַז מ'זאָל גיין לכתחלה אַריבער, אַזוי ווי אין דעם ענין פון לוו עלי ואני פורע, אַז מ'גייט אַריבער פון די אַלע הגבלות פון "עבד לוה לאיש מלוה", און מ'פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויפן אויבערשטן,

ועד"ז דאַרף דאָס זיין אין די עבודה פון לימוד התורה וקיום המצוות, אַז מ'זאָל לערנען תורה אָן קיינע הגבלות - גיין אַריבער און אַריבער און אַריבער בלימוד התורה, און אין אַלע ענינים פון טוב וקדושה, ובשעת אידן וועלן גיין אַריבער פון אַלע הגבלות, וועט דער אויבערשטער אויך גיין אַריבער, און ער וועט געבן אידן פרנסה בהרחבה מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה - אין בני חיי ומזוני - ובכולם רויחא,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 114 הודפס ע"י א

ביז מ'וועט קומען צו דעם ענין פון "פרזות תשב ירושלים" (זכרי' ב,ח), ד.ה. מבטל זיין אלע הגבלות, און גיין אריבער און אריבער - ביז דאס וועט ברענגען צו דעם ענין פון "פרזות תשב ירושלים", און אויך בעבודת האדם - אין דעם ענין פון יראה שלם - וועט זיין דער ענין פון "פרזות", (חסר קצת) בגאולה האמיתית והשלמה ע"י משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

ד. אויף צו מסיים זיין בנוגע צו די הערות אויפ'ן פריערדיקן פארברייינגען - זיינען דאך געבליבען נאך עטליכע נקודות בזה:

מ'האט דאך גערעדט וועגען דעם ענין פון חמש מול חמש, אז די עשרת הדברות זיינען אויסגעשטעלט באופן כזה דוקא - חמש כנגד חמש, כנגד די עשר ספירות - ווי ער זאגט אין ספר יצירה (פרק א, מ"ג) אז די עשר ספירות זיינען באופן של "חמש כנגד חמש",

ד.ה. אז דאס איז סאקע די הסברה פארוואס מ'האט געשריבן די עשרת הדברות אויף צוויי לוחות, דלכאורה - האט מען דאך געקענט שרייבען אלע עשרת הדברות אויף איין לוח, איז דער טעם אויף דעם - ווייל די עשרת הדברות זיינען כנגד די עשר ספירות, ווי ער איז מבאר אין פרדס (שער ב' פ"ג) אז די עשרת הדברות, און די עשרה מאמרות, און די עשר הילולים שאמר דוד המלך אין די לעצטע קאפיטל פון תהלים - זיינען זיי אלע כנגד די ע"ר ספירות, ובנוגע די עשר ספירות זאגט ער דאך מפורש אין ספר יצירה אז זיי זיינען אין אן אופן פון חמש כנגד חמש, במילא זיינען די עשרת הדברות אויך באופן כזה - חמש מול חמש,

ביז אז דאס ווערט אזוי נמשך אויך אין וועלט, אז די אצבעות האדם זיינען אין אן אופן פון חמש מול חמש - חמש אצבעות פון יד ימין וחמש אצבעות פון יד שמאל.

ובכללות איז דאס די צוויי תנועות פון ימין מקרבת ושמאל דוחה, וואס יעדער ענין הייבט זיך אן פון תורה - געפינט מען דאך די ביידע ענינים בנוגע צו תורה: אויף תורה שטייט (ברכה לג,ב) "מימינו אש דת למו", וואס דאס איז כולל די צוויי ענינים: "מימינו" - ימין מקרבת, און "אש", וואס אש איז דער ענין פון גבורות - שמאל דוחה, ועד"ז געפינט מען די צוויי זאכן בענין המצות - מצות עשה און מצות לא תעשה - סו"מ און עשה טוב, ביז אז דאס ווערט נמשך דערנאך אין וועלט, כנ"ל - יד ימין און יד שמאל,

און דאס אלץ הייבט זיך אן פון די עשרת הדברות וועלכע זיינען כללות כל התורה, כנ"ל - אז די עשרת הדברות זיינען פארנאנדערגעטיילט אין צוויי לוחות, ד.ה. חמש מול חמש - ימין ושמאל, וכמבואר לעיל בארוכה.

האט מען מעיר געווען אין דעם: עפ"י וואס געדארפט זיין אז אין די עשה"ד זאלן זיין חמש מ"ע און חמש מל"ת, ולפועל זעען מיר אז אין די עשרת הדברות זיינען פאראן זיבן מל"ת און בלויז דריי מ"ע? און מ'קען פרעגען די שאלה נאכמער: אין די לוחות שניות (- בדברות האחרונות שבפ' ואתחנן -) שטייט (ניט "זכור את יום השבת", נאר) "שמור את יום השבת", און "זכור ושמור בדבור אחד נאמרו" (ר"ה כז,ב), וואדום מ"ת איז געווען איין מאל והענין ד"שמור" הוא מל"ת, כמאחז"ל (עירובין צו,א) "כל מקום שנאמר השמר



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ג א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 115 הודפס ע"י או